אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

# The Włocławek Soap Maker and the Międzyrzec Watchmaker

by **Duvid Tsudek Zakalik**, translation by David L. Zakalik

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (March 2026)

For the online version of this article: [https://ingeveb.org/texts-and-translations/the-włocławek-soap-maker]

# דער װלאָצלאַװקער זײפֿנזידער און דער מעזריטשער זײגערמאַכער
# The Włocławek Soap Maker and the Międzyrzec Watchmaker

Duvid Tsudek Zakalik
translated by David L. Zakalik

**Introduction:** This excerpt is Chapter 43 of *In shturem* (In the Storm), the first volume of Duvid Tsudek Zakalik's three-volume fictionalized account of his experiences during World War II. Originally published between 1963 and 1975, these three volumes will appear together in English for the first time, under the title *Olek's Gambit,* in the fall of 2027 from Syracuse University Press.

Volume I recounts the author's (fictionalized as "Olek") escape from Nazi-occupied Warsaw for Soviet-occupied Białystok in late 1939 and his subsequent arrest. In the summer of 1940, the NKVD (secret police) round up thousands of Polish-Jewish refugees who registered to be sent back west in a supposed citizen exchange between the Nazi and Soviet governments. These refugees, who had been given semi-legal status by a supposedly benevolent government, are snatched from their workplaces in broad daylight, or pulled out of bed in the middle of the night. The arrested refugees are crammed into overcrowded prisons or makeshift detention centers and charged with crossing the border illegally. These "socially dangerous elements" are then deported to prison camps or labor settlements. Olek is sent to a camp in the Ust-Vym-Lag complex, in the Komi Republic, near the Arctic Circle.

Olek and his fellow Polish Jews have already endured a brutal winter of starvation, malnutrition, and hard labor. On Purim (mid-March 1941), the Jewish orderly in Barrack 9 performs an incredible act of kindness: He makes "homentashen" for his fellow Jewish prisoners, all of whom are starving and exhausted. How he does so in the food-scarce conditions of the gulag, you must read for yourself.

The orderly in Olek's barrack, however, is not so kind or generous to his fellow Jews. But, in the topsy-turvy spirit of the Purim holiday, he pulls a trick on the camp guards.

**The Włocławek Soap Maker and the Międzyrzec Watchmaker**
**by Duvid Tsudek Zakalik**

The soap maker from Włocławek is the orderly in Barrack 9. He has his own troubles—multiple disabilities. That was how he got the job as an orderly. And yet he does his work punctually. He does well by the commandant and by the *lagerniki* (camp inmates) in his barrack. Infirm though he is, he carries all the coats and jackets to the *sushilka* to dry out, and he brings the clothes back without delay in time for morning *pod″yem*. Thanks to his timeliness, the brigades always manage to line up for the march to work without the commandant rushing them.

The soap maker from Włocławek is a religious Jew, but he hasn't grown out his beard. He doesn't want to stand out from the others. He believes he has to survive his imprisonment, and with all his might, he wants to. He's sure that he'll hold out, that he'll outlive his misfortune and live to see his liberation. He doesn't even believe his sentence is final; he's certain that it's contingent on the war. If the war ends, this *detka srok*—this child's sentence of only three years—will be null and void.

Barrack 9 is known as "the Włocławeker soap maker's barrack." This is a byword for all the optimists in the camp, those who believe they'll survive and live to see their salvation. The *slob-komanda*, invalid prisoners unfit for general work, are quartered in that barrack. The majority are distended from hunger, racked by scurvy. Some work in the kitchen peeling potatoes, some at cleaning, some at sawing wood with the free workers, those select few young folk who are the only ones fit for the arduous work of hauling timber out of the forest on horse-drawn sled. They have a special set of rules. Their reveille is always an hour or two earlier than everyone else's so the time it takes to harness the horses won't count toward work time.

Two doctors, both Poles, sleep in the Włocławek soap maker's barrack. At first the doctors went with the *vozchiki* (wagon drivers) to work in the forest. Now they go into the forest with medical kits as "rapid response" whenever a *vozchik* or a *gruzhchik* (loader) passes out in the middle of work. The two doctors hang around the administrative office, where there are also free workers who have radio sets and get newspapers. The doctors get news about the war from them, and they, in turn, report the news in Barrack 9.

Ever since then, the Włocławek soap maker's barrack has been an information center for all the refugees from all the barracks. They wolf down their soup in the canteen and sneak into Barrack 9 to hear the war reports.

Doctor Myszelski is the one who conveys the news to everyone. He isn't a refugee. He'd been mobilized in the Polish army, and when the Soviets occupied the western Belarusian territories in September 1939, he got stuck there. But he was deported to the camp just like the refugees. Doctor Myszelski grooms his moustache into a narrow thread. He's always serious. His imprisonment has suppressed any smiles. He is, however, an avowed optimist—one of the "hold up and hold out" types. He's certain the end of the war will be the salvation of the refugees.

“Whatever happens after the war, we won’t stay in the camps,” he says, tossing back his head.

When Dr. Myszelski is in the barrack, the refugees sit around the table like Hasidim listening to a rebbe. Lest the *nachalnik* barge in and think that there’s a *sobraniya* (illegal gathering) going on, they hold their mugs of hot water as if it’s some sort of community meal. Dr. Myszelski also drinks hot water. He’s the only one whose mug has a handle. When Olek comes into Barrack 9 this time, he finds Dr. Myszelski telling them:

“The French have a way of making the temperature drop—of sending frosts to far-off lands. It’s like a kind of ‘Pillar of Cloud’: when the enemy’s army approaches, everything freezes over. Russia will stop selling grain to Hitler and the Germans; America will join the war. The Germans’ downfall is near.”

“Do you think it could happen this spring?” asks Mekhele, the perpetual *slobkomandnik* (invalid), with the visor torn off his hat.

“It could,” says Myszelski, sounding as if he wished it would.

“Some say the war is flaring up now,” someone at the table interjects.

“The bigger the flareup, the nearer the end is,” Myszelski explains.

“Passover’s coming. Maybe we’ll be ‘free men,’ like long ago,” another voice at the table interjects.

The soap maker from Włocławek, over in the corner on his bed, was busy doing something with a sack, humming the melody of *Shoshanat Yaakov*. He came over, sack in hand, and set it on the table:

“Today’s Purim, the whole world over! Back home we’d have a big feast; we’d eat homentashen dipped in honey,” he said quietly and pointed at the sack.

The long-legged Żelazko, the elder, lunged at the bag but promised he wasn’t going to snatch up the homentashen. He just wanted to see them.

There were no homentashen. The soap maker had bought a coupon from a Stakhanovite (shock worker), given away the rest of the food, and kept just the bread. He’d cut it into little three-sided pieces and dusted them with sugar.

“Today, these will be our homentashen!” he said and nodded his head, as if inviting them to eat.

There wasn’t enough for everyone, so Żelazko said they should let the orderly himself have the treat. They would just look at the homentashen, as it were, and each of them would imagine a real one, dipped in honey.

“Let’s talk about all the wonderful things we used to eat on Purim!” he exclaimed cheerfully with a clap of his hands.

Everyone began talking at once:

“There was a bowl on the table with oranges, figs, dates, nuts, and raisins and almonds.”

“We ate pickled herring with honey cake; we ate sauerkraut with raisins . . .”

“We drank wine from Eretz Yisroel, and we ate strudel.”

“When I’m released, the first thing I’m going to do is eat two lunches,” said Żelazko, the younger.

“I’m going to the Venus Bar, at the end of Dzielna-Zamenhofa. I’ll order half a roast goose,” someone else called out.

The Włocławek soap maker didn’t want to keep the ersatz homentashen for himself. He calculated that every third person would get a piece . . .

* * *

As Olek left Barrack 9, he was in a lighter mood. The news from Dr. Myszelski that Germany’s downfall was nigh, and the refugees’ certainty that they’d be liberated from the camp, gave him hope that he’d live out his time here. Home felt closer again. He could picture Rachela and his child in his mind more easily now: Winter, snow, frost. He’d bought a sled for his little girl, and she was brave enough to ride it. Rachela was amazed he was so nonchalant about sending their little girl sliding downhill, but he knew nothing would happen to her. He’d tied her to the sled—neither she nor Rachela had known . . . *I’ll write to Rachela to send me a photo of the child, maybe the authorities will let it through.* The only photograph he’d had was confiscated by the *enkavedist* (NKVD officer) in Sosnówka, outside Białystok, just like his belt so he wouldn’t try to hang himself . . .

* * *

Olek’s bunk was in the watchmaker’s barrack. Just now it was a bit in disarray. There had been several thefts. Russian crooks, together with the commandant, had come in to disinfect the barrack, and yanked shirts and jackets out of people’s rucksacks. The watchmaker, the orderly, stood there and did nothing. Those who’d been robbed knew that he was to blame—as the orderly it was his job to keep watch so that nothing got stolen. They couldn’t say this to him, because he was quick to get angry and he was in the commandant’s good graces. It was no good getting on the commandant’s bad side . . .

The watchmaker hadn’t gotten to be an orderly on account of his disability. He’d paid a nice bribe for it. Nevertheless, they allowed him to be the orderly out of charity. And he was terrified of, heaven forbid, losing favor with the *naryadchik* (labor assigner), who was one with the commandant . . .

Whenever the watchmaker let the thieves steal the prisoners' jackets, the commandant, who got a cut of the proceeds, would be pleased with him. After every theft the watchmaker would grow pale and anxious, trembling like a leaf, as if he had a fever. But everyone knew this was a pretense, that he was playacting. They knew that the commandant had his back . . .

Though he came from a very poor family in Mezritsh, the dark-eyed watchmaker with the thick eyebrows and lots of gold teeth in his mouth insisted he wasn't a provincial. He had considerable cachet with a great number of refugees in the barrack; he was clever and pulled tricks on the guards to expose them for the fools they were. And because there had been several thefts today, he planned to pull a prank on the riflemen, who had announced that they were coming to conduct a *provyerka*—a count of the prisoners in the barrack.

Olek lay on the plank bed, but he wasn't asleep. He was still buoyed by hope from what he'd heard in the soap maker's barrack. Besides, he wanted to see the trick the watchmaker had prepared.

And here they were—the guards and the commandant barged in, fog rolling in behind them from outside. They yelled that no one should move from their places. They went around the bunks and counted the inmates by their feet, using sticks, as if they found it distasteful to touch them with their hands. They recounted, and it turned out that the counts didn't match up. There was one too many. They counted a third time, this time with their hands, and one of them discovered that instead of a pair of feet, a pair of stuffed socks was lying there. The guards got angry. They dragged little Zelik, the crooked lip—people called him that on account of the cleft in his lip—who was lying next to the socks, down from his bunk by the feet, to tell them who had done this.

Little Zelik, the crooked lip, stood there like a simpleton. His eyes were shut; he was so groggy he couldn't pry them open. The guards shook him from both sides—now it looked like he was going to fall, but the guards didn't let him. And the orderly, the watchmaker, sat in his corner and watched. He didn't laugh.

Everyone on the bunks was silent, too. The trick had succeeded.

# דער וואָלאַוועקער זייפֿנזידער און דער מעזריטשער זייגערמאַכער

דער וואָלאַוועקער זייפֿנזידער איז „דניעוואַלני“ אין 9טן באַראַק. ער פֿאַרמאָגט זײַן אייגנס... עטלעכע מיחושן. צוליב דעם האָט ער געקריגן די דניעוואַלני־שטעלע. און ער איז אַ פּינקטלעכער דניעוואַלני. ער איז גוט פֿאַרן קאָמענדאַנט און פֿאַר די לאַגערניקעס וואָס אין זײַן באַראַק. ער, ווי קראַנק ער איז, טראָגט ער אַוועק אין דער „סושילקע“ אַרײַן אַלע בושלאַטן און פּופּײַקעס צום אויסטריקענען; אָן אַ פֿאַרזוימונג — צו דער צײַט פֿון „פּאָדיאָם“ — ברענגט ער צוריק די מלבושים, כּדי די בריגאַדעס זאָלן באַוויזן צו שטעלן זיך צום „ראַזוואָד“, נישט געיאָגט צו ווערן פֿון קאָמענדאַנט.

דער וואָלאַוועקער זייפֿנזידער איז אַ רעליגיעזער ייִד, אָבער ער פֿאַרלאָזט זיך נישט די באָרד, כּדי נישט אויסצוטיילן זיך פֿון אַנדערע לאַגערניקעס. ער האַלט, אַז ער דאַרף אָפּקומען די שטראָף, דעם 3 יאָר סראָק און ער וויל מיט אַלע כּוחות אויסהאַלטן. ער איז זיכער, אַז ער וועט אויסהאַלטן. ער וועט איבערלעבן אַלע פּורעניותן און דערלעבן די באַפֿרײַונג. ער האַלט אַפֿילו, אַז דער פּסק־דין איז נאָך נישט דער לעצטער פּסוק. עס איז אָפּהענגיק פֿון דער מלחמה. אַז עס וועט ווערן אויס מלחמה, וועט דער פּסק — „דיעטקע סראָק“[1] בטל און מבוטל ווערן.

דער 9טער באַראַק רופֿט זיך — דער וואָלאַוועקער זייפֿנזידער־באַראַק. דער איז אַ שם־דבר פֿאַר אַלע אָפּטימיסטן, די וואָס גלייבן אין איבערלעבן און דערלעבן די דערלייזונג. אין דעם באַראַק איז קוואַטערירט די ״סלאָבקאָמאַנדע״, — לאַגערניקעס, וואָס טויגן נישט צו דער אַרבעט. ס׳רוב זענען געשוואָלן פֿון הונגער, אָנגעגריפֿן פֿון „שקאָרבוט“. אַ טייל אַרבעט אין דער קיך בײַ שיילן קאַרטאָפֿל, אַ טייל בײַם רייניקן, זעגן האָלץ בײַ די „וואָלניעניאָמנע“. דאָס זענען די געקליבענע יונגעלײַט, וואָס זענען מסוגל צו אָנגעשטרענגטער אַרבעט: זיך אומצוגיין מיט פֿערד און שליטן און שלעפּן די קלעצער. זיי האָבן אַ באַזונדערן דין. זייער „פּאָדיאָם“ איז תּמיד מיט אַ שעה אָדער צוויי פֿריער, כּדי די צײַט פֿון שפּאַנען דאָס פֿערד אין שליטן זאָל זיך נישט רעכענען צו דער אַרבעטס־צײַט.

בײַם וואָלאַוועקער זייפֿנזידער אין באַראַק האָבן צוויי דאָקטוירים, ביעזשענצעס, זייערע געלעגערס. די ערשטע צײַט זענען די דאָקטוירים אויך געגאַנגען מיט די וואָזשטשיקעס צו אַרבעטן אין וואַלד. לעצטנס גייען זיי אין וואַלד מיט קעסטלעך רפֿואות אַלס „גיכע הילף“, אין פֿאַל פֿון אַ געשעעניש מיט אַ וואָזשטשיק, אָדער גרוזשטשיק, וואָס איז אָפּגעשטאַנען אין מיטן דער אַרבעט. די צוויי דאָקטוירים קומען צווישן די ״אופּראַווליעניע״־באַאַמטע, ווו ס׳זענען פֿאַראַן אויך פֿרײַ־אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן אין די ווינונגען ראַדיאָ־פּונקטן, דערהאַלטן צײַטונגען. פֿון זיי דערוויסן זיך די דאָקטוירים נײַעס וועגן דער מלחמה און זיי דערציילן די נײַעס אין 9טן באַראַק.

זײַט דאַן איז דער וואָלאַוועקער זייפֿנזידער־באַראַק אַן אינפֿאָרמאַציע־פּונקט פֿאַר אַלע ביעזשענצעס פֿון אַלע באַראַקן. מען כאַפּט אַרײַן דאָס עסן די זופּ אין דער סטאָלאָווע און מען כאַפּט זיך אַרײַן אין 9טן באַראַק הערן אַ מלחמה־ידיעה.

די אינפֿאָרמאַציע גיט דער דאָקטאָר מישעלסקי. ער איז נישט קיין ביעזשעניעץ. ער איז געווען מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי און ווען די סאָוויעטן האָבן אין סעפּטעמבער 1939 פֿאַרנומען די מערבֿ ווײַסרוסישע געביטן, איז ער דאָרט שטעקן געבליבן. ער איז אָבער פֿאַרשיקט געוואָרן גלײַך מיט די ביעזשענצעס. דאָקטאָר מישעלסקי פּוצט זיך די וואָנצעלעך אין דער פֿאָרעם פֿון אַ שמאָל שנירל. ער איז תּמיד ערנסט. די קאַטאָרגע האָט פֿאַרקלעמט אין אים יעדן שמייכל. ער איז אָבער אַן אויסגעשפּראָכענער

---

[1] קינדער־פּסק

אָפּטימיסט — פֿון די „זיך האַלטן און אויסהאַלטן“. ער איז זיכער, אַז די דערלייזונג פֿון די ביעזשענצעס וועט קומען מיטן סוף פֿון דער מלחמה:

— וואָס עס זאָל נישט זײַן נאָך דער מלחמה, וועט מען אין לאַגער נישט בלײַבן, — זאָגט ער און פֿאַררײַסט דעם קאָפּ.

אַז דאָקטער מישעלסקי איז דאָ אין באַראַק זיצן די ביעזשענצעס אַרום טיש, ווי חסידים בײַ אַ רבין, און זיי הערן זיך אײַן צו זײַן רעדן. כּדי אויסצומײַדן חשד, אין פֿאַל ווען דער נאַטשאַלניק זאָל אַרײַנפֿאַלן, ער זאָל נישט מיינען, אַז עס איז אַ „סאַבראַניע“, האַלטן אַלע זייערע קעסעלעך מיט קיפּיאַטאָק צו טרינקען, ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ געמיינזאַמע סעודה. אויך דאָקטאָר מישעלסקי טרינקט קיפּיאַטאָק. נאָר ער האָט אַ טעפּעלע מיט אַן אויערל. אַז אָלעק איז דאָס מאָל אַרײַנגעקומען אין דעם 9טן באַראַק, האָט ער געטראָפֿן דאָקטאָר מישעלסקי דערציילן:

— די פֿראַנצויזן האָבן אַ מיטל צו שאַפֿן אַ נידעריק־גראַדיקע טעמפּעראַטור — אַ פֿראָסט אויף אַ ווײַטן מרחק. ער קאָן זײַן ווי אַן „עמוד ענן“. ווען דעם שׂונאס אַרמיי וועט זיך דערנענטערן, זאָל זי פֿאַרפֿרוירן ווערן. רוסלאַנד וועט שוין מער קיין תּבֿואה נישט פֿאַרקויפֿן די היטלער־דײַטשן; אַמעריקע טרעט אַרײַן אַקטיוו אין קריג. עס איז נאָענט די מפּלה פֿון די דײַטשן.

— ס׳קאָן זײַן נאָך אין פֿרילינג? — פֿרעגט מעכעלע מיטן אָפּגעריסענעם דאַשיק פֿון היטל, דער שטענדיקער „סלאָבקאָמאַנדעניק“.

— ס׳קאָן זײַן! — זאָגט מישעלסקי מיט אַ טאָן, ווי דאָס איז זײַן ווונטש.

— אַנדערע זאָגן, אַז די מלחמה צעפֿלאַקערט זיך איצט — רופֿט זיך אָפּ איינער בײַם טיש.

— וואָס גרעסער עס וועט זײַן דער פֿלאַקער, אַלץ נענטער איז צו דער ענדע — דערקלערט מישעלסקי.

— עס גייט צו פּסח און מען וועט אפֿשר זײַן בני חורין, ווי אַמאָל — רופֿט זיך אָפּ נאָך אַ קול בײַם טיש.

דער וולאָצלאַוועקער זייפֿנזידער האָט אין ווינקל, ווו זײַן געלעגער, זיך געפּאָרעט בײַ עפּעס אַ פּעקעלע און גענוטשעט דעם ניגון פֿון ״שושנת יעקבֿ״... ער איז צוגעקומען מיטן פּעקעלע צום טיש, עס אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש:

— הײַנט איז פּורים אויף דער וועלט. אין דער היים פֿלעגט מען בײַ דער סעודה עסן המן־טאַשן, געטונקט אין האָניק — האָט ער שטיל געזאָגט און מיט די הענט אָנגעוויזן אויפֿן פּעקעלע.

דער הויכפּיסיקער זשעלאַזקאָ, דער עלטסטער, איז ווי צוגעפֿאַלן צום פּעקעלע. אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט כאַפּן. ער וויל בלויז זען די המן־טאַשן.

עס זענען נישט געווען קיין המן־טאַשן. דער זייפֿנזידער האָט געקויפֿט אַ טאַלאָן פֿון אַ סטאַכאַנאָוועץ — דאָס עסן אַוועקגעגעבן, נאָר געלאָזט זיך דאָס בולקעלע. ער האָט עס צעשניטן אויף קליינע דרײַקאַנטיקע שטיקלעך, באַשיט מיט צעשטויסענעם צוקער.

— אָט דאָס וועלן זײַן הײַנט אונדזערע המן־טאַשן! — האָט ער געזאָגט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט פֿאַרבעטן צו עסן.

עס איז נישט געווען פֿאַר אַלע, האָט זשעלאַזקאָ געזאָגט מען זאָל לאָזן דעם דניעוואַלני אַליין באַקומען דעם ביסן. זיי וועלן זיך נאָר אײַנקוקן אין די מכּלומרשטע המן־טאַשלעך און יעדער וועט זיך מאָלן אין דמיון אַן אמתן המן־טאַש, געטונקען אין האָניק.

— לאָמיר רעדן וועגן די גוטע זאַכן, וואָס מען האָט געגעסן אויף דער סעודה! — האָט ער אַ הײַטערער אויסגערופֿן און אַ פּאַטש געטון מיט די הענט פֿון צופֿרידנקייט.

אַלע האָבן טאַקע גענומען רעדן מיט איין מאָל:

— אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַ וואַזע מיט פּאָמאַראַנצן, פֿײַגן, טייטלען, ניס, ראָזשינקעס און מאַנדלען. מען האָט געגעסן מאַרינירטן הערינג מיט לעקעך; מען האָט געגעסן זויערקרויט מיט ראָזשינקעס... מען האָט געטרונקען ארץ ישׂראל־ווײַן און געגעסן שטרודל.

— אַז כ׳וועל באַפֿרײַט ווערן, איז דאָס ערשטע וואָס כ׳וועל טון: עסן צוויי מיטיקן — זאָגט זשעלאַזקאָ, דער ייִנגערער.

— איך וועל אין באַר „ווענוס“, עק דזשעלנע־זאַמענהאָף, הייסן זיך דערלאַנגען אַ האַלב געבראָטן גענדזל — רופֿט אויס אַן אַנדערער.

דער וואָלצלאַווקער זייפֿנזידער האָט נישט געוואָלט באַהאַלטן פֿאַר זיך די מכּלומרשטע המן־טאַשן, וואָס ער האָט געמאַכט. ער האָט אויסגערעכנט, אַז יעדער דריטער וועט קריגן אַ שטיקל...

***

אַז אָלעק איז אַרויס פֿון 9טן באַראַק, איז ער געווען מיט אַ צעוואַרעמט געמיט. סײַ די נײַעסן פֿון דאָקטאָר מישעלסקי, אַז דײַטשלאַנדס מפּלה איז נאָענט, סײַ די זיכערקייט בײַ די ביעזשענצעס, אַז מען וועט באַפֿרײַט ווערן פֿון לאַגער, האָט איצט אויך אין אים געשטאַרקט די האָפֿענונג צו דערלעבן די צײַט. די היים איז איצט ווידער נאָענט געוואָרן. ס׳איז אים אָנגעקומען לײַכט פֿאָרצושטעלן זיך אין דמיון זײַן ראַכעלאַן, דאָס קינד: ווינטער, אַ שניי, אַ פֿראָסט. ער האָט פֿאַר זײַן טעכטערל געקויפֿט אַ שליטעלע און זי איז דרייסט, זי גליטשט זיך אַראָפּ מיטן שליטעלע פֿון אַ בערגל. ראַכעלאַ וווּנדערט זיך, וואָס ער לאָזט די טאָכטער אַזוי הפֿקר אויף דער גליטש, און ער איז רויִק, אַז עס וועט איר גאָרנישט געשען, ווײַל ער האָט זי צוגעבונדן צום שליטעלע — נישט זי און נישט ראַכעלאַ האָבן דאָס בעת־מעשׂה געוווּסט... „כ׳וועל שרײַבן צו ראַכעלאַן זי זאָל מיר שיקן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון קינד, אפֿשר וועט די נאַטשאַלסטווע דאָ דאָך דאָס דורכלאָזן“... די פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס ער האָט געהאַט, האָט דער ענקאַווועדיסט אין דער סאָסנאָווקע, אין ביאַליסטאָק, רעקווירירט, ווי דעם פּאַסיק צו די הויזן, אַז ער זאָל נישט פּרוּוון זיך צו הענגען...

***

אין דעם זייגערמאַכער־באַראַק האָט אָלעק זײַן געלעגער. איצט איז דאָרט געווען אַ שטיקל סומאַטאָכע. עס זענען געשען עטלעכע גנבֿות. רוסישע זשוליקעס זענען דאָ, צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט, אַרײַנגעקומען בײַ טאָג דעזינפֿעקצירן דעם באַראַק און זיי האָבן פֿון רוקזעק אַרויסגעשלעפּט העמדער, מאַרינאַרקעס. דער זייגערמאַכער, דער דניעוואַלני, שטייט אַ צעטומלטער. די באַגנבֿעטע ווייסן, אַז ער איז שולדיק — ער איז דאָך דאָ דניעוואַלני אויף צו היטן מען זאָל נישט גנבֿענען. זיי קאָנען דאָס אים נישט זאָגן, ווײַל ער איז אַ כּעסן און לעקט זיך צום קאָמענדאַנט. אַרײַנצופֿאַלן דעם קאָמענדאַנט אין אויג איז נישט גוט... דער זייגערמאַכער איז נישט צוליב דער געברעכטיקייט זײַנער געוואָרן דניעוואַלני. ער האָט געגעבן דערפֿאַר אַ פֿײַנע מתּנת־יד. פֿונדעסטוועגן לאָזט מען אים דניעוואַלניען אויס חסד און ער צאַפּלט — חלילה נישט צו פֿאַרלירן חן בײַם נאַריאַדטשיק, וואָס איז איינס מיטן קאָמענדאַנט...

אַז ער לאָזט די זשוליקעס גנבֿענען, וועט דער קאָמענדאַנט זײַן פֿון אים צופֿרידן. ער ווערט נאָך יעדער גנבֿה בלאַס און צעטומלט. ער ציטערט ווי אַ בלאַט, ווי ס׳וואָלט אים געוואָרפֿן אין קדחת. מען ווייסט אָבער אַז ס׳איז אַן אָנשטעל. ער שפּילט. מען ווייסט אויך, אַז דער קאָמענדאַנט איז זײַנער...

און דער שוואַרצאויגיקער זייגערמאַכער מיט די ברייטע ברעמען און אַ סך גאָלדענע ציין אין מויל, כאָטש ער שטאַמט פֿון גרויסער מעזריטשער אָרעמקייט, האַלט אַז ער איז נישט קיין פּראָווינצער. ער האָט בײַ אַ גרויסער טייל ביעזשענצעס אין באַראַק אַ שטאַרקן אָנזען מיט זײַנע חכמות און פֿאָרטלען אויסצושטעלן די סטרעלקעס פֿאַר נאַראָנים. און ווײַל עס זענען געשען עטלעכע גנבֿות הײַנט, האָט ער צוגעטראַכט אָפּצוטון אַ קונדס־שטיקל די סטרעלקעס, וואָס האָבן אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלן הײַנט קומען אויף „פּראָווערקע“ — ציילן די צאָל לאַגערניקעס אין דעם באַראַק.

ליגט אָלעק אויף דער נאַרע און שלאָפֿט נישט. די הײַטערקייט וואָס ער האָט מיטגעבערענגט פֿון וולאָצלאַווקער זייפֿנזידער־באַראַק מונטערט אים נאָך. חוץ דעם וויל ער זען דאָס קונדס־שטיקל, וואָס דער זייגערמאַכער האָט צוגעגרייט.

און אָט פֿאַלן אַרײַן מיט האַסטיקייט און פּאַרע פֿון דרויסן די סטרעלקעס און דער קאָמענדאַנט. זיי שרײַען, אַז קיינער זאָל זיך נישט רירן פֿון אָרט. זיי גייען אַרום די נאַרעס און זיי ציילן מיט ריטלעך, ווי זיי וואָלטן זיך מיאוסן אָנצורירן מיט די הענט, די לאַגערניקעס לויט די פֿיס. זיי האָבן איבערגעציילט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צאָל שטימט נישט. בײַ איינעם איז דאָ מער. זיי גייען ווידער אַרום די נאַרעס, ציילן ווידער — דאָך דאָס אייגענע: ביי איינעם מער. ציילן זיי אַ דריט מאָל, שוין מיט די הענט און איינער האָט דערטאַפּט, אַז אָנשטאָט אַ פּאָר פֿיס, ליגן אָנגעשטאָפּט אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס. זענען זיי בייז געוואָרן, די סטרעלקעס, און זיי האָבן אַראָפּגעשלעפּט פֿון דער נאַרע זעליקלען, די קרומע ליפּ, — לויט דעם שפּאַלט אין דער ליפּ וואָס ער האָט, רופֿט מען אים אַזוי — נעבן וועלכן ס׳זענען געלעגן די שקאַרפּעטקעס, ער זאָל זאָגן ווער עס האָט דאָס געטון.

שטייט זעליקל, די קרומע ליפּ, אַ תּמעוואַטער. ער האַלט די אויגן פֿאַרמאַכט, ער קאָן זיי גאָרנישט אויפֿרײַסן פֿון שלאָף. די סטרעלקעס שאָקלען אים פֿוןביידע זײַטן — אָט דאַכט זיך ער פֿאַלט, אָבער די סטרעלקעס לאָזן אים נישט פֿאַלן. און דער דניעוואַלני, דער זייגערמאַכער, זיצט אין זײַן ווינקל און קוקט. ער לאַכט נישט.

אויך אַלע אויף די נאַרעס שווײַגן. דאָס שפּיצל איז געלונגען.